**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/9/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט דאס ארויסגעבן אנווייזונגען אויף צו שטיצן קאונטיס אין אויסארבעטן אין-לאנדישע טעראריזם אפהאלט פלענער**

***אויף די שפורן פון באפעלאו אנפאל, האט גאווערנער האוקול ארויסגעגעבן [עקזעקיוטיוו באפעל 18](#) צו פאדערן פון יעדן קאונטי און דער שטאט ניו יארק אויסצוארבעטן פלענער צו קאנפראנטירן אין-לאנדישע טעראריזם, אריינגערעכנט ראסיסטישע און עטניש-מאטיווירטע געוואלד-פארברעכנס***

***סאַמיט צו פאקוסירן אויף אויסארבעטן ארטיגע דראונג אפשאצונגען און פארוואלטונג מאנשאפטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן דאס ארויסגעבן נייע אנווייזונגען פאר קאונטיס לענגאויס ניו יארק צו שטיצן דאס אויסארבעטן פון אין-לאנדישע טעראריזם אפהאלט פלענער וואס יעדע קאונטי און די שטאט ניו יארק זענען פאראנטווארטליך אויף אויסצוארבעטן לויט עקזעקיוטיוו באפעל 18. דער גאווערנער האט ארומגערעדט די וויכטיגקייט פון אויסארבעטן אין-לאנדישע טעראריזם אפהאלט פלענער אין די היינטיגע ווירטועלע קאמענטארן אלס טייל פון א צוויי-טאגיגע אפשאצונג און פארוואלטונג סאַמיט אנגעפירט דורך דער סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס און איר אפיס פון קאנטער-טעראריזם ביים סטעיט עמערדזשענסי גרייטקייט צענטער אין אריסקאני.

״אויף די שפורן פון דער שוידערליכער טעראר אנגרייף אין מיין היים שטאט באפעלאו, האב איך פארשפראכן פאר ניו יארקער אז מיר וועלן דירעקט קאנפראנטירן די מכה פון אין-לאנדישע טעראר און קיין פחדנות,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״ניו יארק שטעלט צו פאר ארטיגע רעגירונגשאפטן די געצייג אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אויף צו אדרעסירן דער דראונג פון אין-לאנדישע טעראר און געצילט געוואלד-פארברעכנס, כדי צו קענען פארמיידן טראגעדיעס בעפאר זיי קומען פאר. איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן.״

DHSES מוטיגט ארטיגע אינסטאנצן אויסצוארבעטן דראונג אפשאצונג און פארוואלטונג (TAM) טיעמס אלס טייל פון זייערע ׳אין-לאנדישע טעראריזם אפהאלט פלענער׳. כדי ארויסצוהעלפן שאפן און אנפירן דראונג אפשאצונג פארוואלטונג מאנשאפטן, וועט 10 מיליאן דאלער אויסגעטיילט ווערן צו קאונטיס. די מאנשאפטן זאלן באשטיין פון געזעץ אינפארסירונג, גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנעלן, סקול באאמטע, און אנדערע הויפט סטעיקהאָלדער באאויפטראגט מיט אידענטיפיצירן, אפשאצן און לינדערן דער דראונג פון געצילטע געוואלד-פארברעכנס.

עקזעקיוטיוו באפעל 18 איז ארויסגעגעבן געווארן דורך גאווערנער האוקול אין דירעקטער אפרוף צו די ווייסע סופּרעמאַסיסטישע טעראר אקט ביי א באפעלאו סופערמארקעט אין מאי. דער עקזעקיוטיוו באפעל איז ספעציעל געאייגנט אויף צו באקעמפען די באאומרואיגנדע אויפשטייג אין אין-לאנדישע טעראריזם און עקסטרעמיסטישע געוואלד-פארברעכנס אפטמאל באאיינפלוסט דורך און אויסגעפלאנעוועט און ארויפגעשטעלט אויף סאָושעל מידיע פלאטפארמעס און אינטערנעט פארומען.

אין טייל, פאדערט דער עקזעקיוטיוו באפעל פון:

1. DHSES אוועקצושטעלן א נייע איינהייט אינערהאלב איר אפיס פון קאנטער-טעראריזם געאייגנט אויף פארמיידן אין-לאנדישע טעראריזם.
2. יעדע קאונטי און די שטאט ניו יארק מוזן אויסארבעטן און האלטן גרייט א פלאן צו אדרעסירן דער דראונג פון אין-לאנדישע טעראריזם, וואס רעכנט אריין ראסיסטישע אדער עטנישע-מאטיווירטע עקסטרעמיסטישע געוואלדפארברעכער.
3. ניו יארק סטעיט פאליציי וועט אוועקשטעלן א נייע איינהייט אינערהאלב דעם ניו יארק סטעיט אינטעליגענץ צענטער (NYSIC) געווידמעט נאכצושפירן אין-לאנדישע געוואלד-פארברעכערישע עקסטרעמיזם און העכערן סאָושעל מידיע באאבאכטן פאר פארשונג שפורן וועלכע קענען קומען פון די אָנליין שטיצע פון געוואלד-פארברעכערישע עקסטרעמיזם.

במשך דעם צוויי-טאגיגן סאַמיט, טוען סטעיט קאנטער-טעראריזם עקספערטן איבערקוקן די ניי-ארויסגעגעבענע אנווייזונגען אויף ׳אין-לאנדישע טעראריזם אפהאלט פלענער׳ און סטעיט גרענט פינאנצירונג געלעגנהייטן, סיי ביים סטעיט און סיי ביי דער פעדעראלער שטאפל, אויף צו פאראויס-ברענגען קאונטי אין-לאנדישע טעראריזם פלאנירונג און TAM טיעם שאפונג באמיאונגען. א קאנסולטאנט מיט קענטעניס אין אויפפירעכץ דראונג אפשאצונג וועט אויך צושטעלן טרענירונג אויף TAM מאנשאפט אנטוויקלונג.

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי בראַי האט געזאגט,** ״אין-לאנדישע טעראריזם געטריבן דורך ווייסע סופּרעמאַסי און ביגאטישקייט איז דער נומער איינס טעראריזם דראונג וואס מיר שטייען היינט אויס. אונזער מאנשאפט אין דעם אפיס פון קאנטער-טעראריזם ארבעט גאנצעטע מעת לעת צו פארזיכערן אז קאונטיס לענגאויס ניו יארק האבן אלצדינג וואס זיי נייטיגן אויף נאכצוקומען דער שוועריגקייט וואס מיר שטייען איצט אויס. אדאנק גאווערנער האָקול׳ס פירערשאפט, ארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער צו מאכן ניו יארק א מער זיכערער ארט פאר יעדן.״

די לעצטנסדיגע אויפשטייג אין אין-לאנדישע טערראר אטאקעס פארטרעט איינע פון די מערסט-דרינגענדע דראונגען צו פובליק זיכערהייט לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן. אין דעם לעצטן צענדליג יאר, זענען אין-לאנדישע טערראר אטאקעס און אינטריגעס געשטיגן דריי-פאכיג איבער׳ן לאנד. אין 2021 זענען געווען 73 טעראריסט אטאקעס און אויפגעדעקטע אינטריגעס אין די פאראייניגטע שטאטן, אריינגערעכנט 38 ווייסע סופּרעמאַסיסטן און ענליך געשטימטע טעראריסטישע אטאקעס און אינטריגעס.

**איבער דער דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע, און שטיצע אויף צו פארמיידן, באשיצן אנטקעגן, זיך גרייט מאכן, אפרופן, איבערקומען און לינדערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, געפונט אונז אויף פעיסבוק, פאלגט אונז נאך אויף טוויטער אדער אינסטעגרעם, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418